# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

SUBSCRIPTION PRICE
50 CENTS A YEAR

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

FEBRUARY, 1925.
VOL. VI. No. 6.


## THE ATTACK ON RABBI COOK'S LIFE

A shocking news item has recently come from Jerusalem. Rabbi Cook was passing by the Ohel Mosche Yeshivah, a rabbinical school controlled by Jews who are his opponents, when two of the students hurled a brass vessel at him and narrowly missed him. A short time ago we reported in this paper the murder of Dr. De Hahn in Jerusalem; Dr. DeHahn was mysteriously killed upon leaving the synagogue after having performed the evening prayer there. He was not liked in certain Jewish circles and so they did away with him. This is a very sad state of affairs among the new settlers in Zion. It is especially disgraceful when we learn that Talmudic students would stoop so low as to use violence in making an attempt on the life of Rabbi Cook who has been so much admired by thousands of prominent Jews in America. The Talmud comments on Exod. 2:13, that if a Jew merely raises his hand against his neighbor he is already called wicked or evil. This is the formation period for the upbuilding of Zion and Jerusalem. Shall the prophet's outcry "They build up Zion with blood and Jerusalem with iniquity", Micah 2:10, be applied to the present builders of the Palestinian home for the Jewish people? Where is the trouble? Where is the source from which a spirit of murder is emanating? While we Jews who believe in the Lord Jesus Christ as our Messiah wish and pray for the speedy realization of Zionistic hopes, because it will bring to pass the second coming of our Saviour, yet we would call attention to the fact that the sheer material side of that movement can not save the Jewish people from their sin.

It has been pleaded by many Jewish leaders time and again that the only need of the Jews is their own country, for as soon as they will have their own land all their troubles will end. But the sad incidents we refer to above, added to the many other weaknesses that exist among those settlers, throw into strong relief the great fact that the Palestinian program cannot succeed without Christ's spiritual power to control, govern and keep our people from violence, quarrels and jealousy.

In John 3:1-17 we are told of the well known Rabbi Nicodemus who came to Jesus by night for an interview. The Lord Jesus told him that "except a man be born again he cannot see the kingdom of God." No matter how refined or moral or gifted a man may be as long as he is a natural man, not born of the spirit, he is absolutely blind to spiritual truth. He can neither obey nor please God, Nicodemus asked, "how can these things be?" Think of a great rabbi being so ignorant! But just as Nicodemus did not understand how a man can be born again, so the Jews as a people today cannot comprehend it and are unconscious of the fact that nothing can help them except they be born again. In the language of the Old Testament, the second birth is expressed in the following words, "And make you a new heart and a new spirit, for why will ye die, O house of Israel". Ezek. 18:31. The reason for the need of a new heart is given in Jer. 9:26, "For all the house of Israel are uncircumcized in the heart". And again, "the heart is deceitful above all things". Jer. 17:9.

Therefore God sent his only begotten Son, our blessed Messiah Jesus to give us a new heart by believing in His sacrificial atonement for our sins. If the Jewish heart will be right with God then all the troubles of Israel will be a thing of the past, for the love of God which is in the heart of a man born of the Spirit, will not allow murderous thoughts and the use of violence against the one who criticizes us or does not accept and follow our notions.

We ourselves have had very sad experiences right here in this civilized country of liberty, freedom and equality. We have learned of cases in which the lives of Jewish men and women have been in danger simply because they believed in Christ. We have in mind just now the case of a Jewish woman whose husband has treated her so cruelly that only a savage heathen can parallel his acts. First he persecuted her in every way possible, finally undermining her health. When she became very ill and not being able to move about, he refused to render her any aid. He declared that he wished she would die. All this just because she believes in the Lord Jesus in accordance with the Word of God. We placed her in a hospital where she is at the present time. We have known of a number of Jews who have been discharged from their work only on account of their belief in the Lord Jesus Christ. We have known several cases of great need in Jewish families but because they attended our services they were refused help by some charitable institutions. We have known of a good Jewish man who was badly attacked by his fellow Jews only on account of his belief in Christ. We also had a very sad experience in our own Mission. Over a thousand Jews at one time on the holy day of Rosh Hashanah mobbed and pogromed one of our buildings in which Jewish mission work has been carried on. We heard with our own ears how a Jewish lawyer, facing a Jewish Christian, gnashed his teeth, and with a satanic look in his eyes said, "I would eat him alive if I could".



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton Street**
**Brooklyn, N. Y.**

Yet Jewish writers frequently boast of their Jewish religion as one whose chief principle is love, "Thou shalt love thy neighbor as thyself". They have published many articles in various magazines and daily papers concerning the restrictions of immigration to this country. Their chief argument has been the above quoted verse, also "to love the stranger", Deut. 10:19. And again "the stranger shall be as one born among you". Lev. 33:34. Why then do they themselves refuse to act upon that principle with regard to their own flesh and blood? Why then do they ostracize the Jew who believes in Christ? Why do they use that opprobrious name "Meshumed" in referring to a Jew believing in Christ? Does that come from a heart overflowing with love toward a neighbor? Has that a tendency to generate friendly relationship between one another? Do they hope that by showing such bitter hatred toward their own brother they will win the respect of their Christian or Gentile neighbors? We leave these questions for them to ponder over.

We appeal to you, dear readers, to take up your Bible and study the word of God and find out for yourself whether you have real godly love for your own as well as for other people. You will soon find out that you need to be born again as the Lord Jesus Christ told us once for all. The Jews individually or nationally will never be real Jews as God in His Word wants them to be, simply by having all the material comforts in a land of their own, but they will be made happy and a blessing to others by confessing their inward natural and corrupt heart, and accept the Lord Jesus Christ, letting Him create in them a new heart and a new spirit which will please God and become a blessing to the people on earth.

## גאמפערס און בית־הקברות אידען

עס איז טרויריג און דאך קאמיש צו בעטראכטען די אלט־בעקאנטע און וויסענהייטסלויזע איינרעדענישען וואס איז פאראן צווישען אידען. מיר רופען עס קאמיש, ווייל פון איין זייט קומט אויס צו לאכען דערפון, ווייל עס זעהט אויס ווי עס וואלט שטרעמען פון א קינדערישען שכל, און טרויריג איז עס וועגען די פאלגען דערפון, הן אין מאַראלישען זין והן אין סאציאלאָגישען זין.

מיר האבען איצט אין זין די קריגערייען און רגזות וואס קומען ארויס פון דער גרונדלויזער איינבילדונג, בכן, אז ווען מ'באגראָבט א טויטען איד אויף א אידישען בית־הקברות ווערט ער עולה לגדולה און ווען חלילה ניט, איז שלעכט...

מיר האבען שוין פיעלע מאל געהערט פון אזאָלכע פעלע, מיר שטעלען זיך אבער איצט אָב אויף א פרישען קבר איידער ער איז נאך פארוואקסען געווארען. דאס איז דער קבר פון מר' גאָמפערס וועלכער איז באערדיגט געווארען אויף א קריסטליכען סעמעטערי אין טעריטאן נ. י. ער אליין האט דאָס פלאַץ נאך געקויפט ביי זיין לעבען. און ווי מאנכע מיינען האט ער דאס געטהון צוליעב זיין צווייטע פרוי וואס איז א קריסטין.

זיין ברודער און אנדערע קרובים זיינען פשוט געבליבען נידער־געשלאגען צו הערען אז זייער אן אייגענער, דער איד גאָמפערס זאל גאר באערדיגט ווערען צווישען גוים.

אָט דא זעהט מען ארויס די לעבערליכקייט פון דעם פארפיהרערישען מנהג, וועלכער איז נור איינער פון אסאך אנדערע, וואס אידען האבען.

וואס מיינען אייגענטליך אזאָלכע מענשען וועלכע דער אידישער בית הקברות ציהט זיי ווי א מאגנעט? מיינען זיי ווירקליך אז דארט, אויף'ן אידישען בית עולם זיינען די שערי שמים אז פון דארט געהט מען גראד אין גן־ערן אריין?

מיט אלען רעספעקט צו דעם פארשטארבענעם מר' גאמפערס מוזען מיר דאך צו געבען אז ער האט קיינמאל קיין אינטערעס ניט גענומען אין אידישע זאכען. ער איז ניט געגאנגען אין דער אידישער שוהל און נאך ווייניגער אין דער אידישער מקוה אריין. ער האט קיין אנטייל גענומען אין ציוניזם און האט גאר חתונה געהאט מיט א גוי'ה. הייסט עס, אז ביים לעבען האט ער קיין שייכות געהאט מיט דעם רעליגיעזען אידישקייט. איצט אבער נאך'ן טויט זיינען אידען געווארען אויפגעהיצט און בעגייסטערט איהם מקבר צו זיין דוקא אויף א אידישער סעמעטערי, כדי ער זאל חלילה ניט פערפאלען ווערען אין גיהנום. אי, ער איז דאך א קנאפער איד געווען און חתונה געהאט מיט א קריסטין? מאכט עס אבער ניט, דער אידישער בית הקברות וועט שוין אויף אלעם מכפר זיין. נו איז דאס ניט צום לאכען?

דאך איז עס אבער זעהר טרויריג און יעדער וואס האָט נור געלערענט דאס תנ"ך און האָט אביסעלע פון גאָטס חכמה, מוז טרויערן און ווייגען איבער די אונזיניגע איינרעדענישען איבער וועלכע די אידען סטארעווען זיך אזוי שטארק.

אָט האט לעצטען זומער פאסירט נאך א גרעסערע מערקווערדיגקייט צווישען אונזערע אידען אין ניו יארק.

א אידיש מיידל האט חתונה געהאט מיט אן איטאליענער און איז צוליעב דעם געווארען א קאַטאָליק. דריי יאהר נאכדעם איז זי אונגליקליכערווייזע קראנק געווארען און געשטארבען: און מ'האט איהר רעכטס געטהון אויף דעם קאטוילישען שטייגער. עס זיינען זיך אבער צוזאם געקומען טויזענטער אידען און האבען זי דוקא געוואלט ארויסרייסען פון זייערע הענד און זי ברינגען צו קבר ישראל. דער קאטוילישער מאן האט אבער באַשטעלט פאָליציי אז מ'זאל זיין טויטע פרוי פון איהם ניט אוועק נעהמען.

נון, ווי קען מען דען אלזאָ בעגרייפען אזא אידישען שכל? אז מ'וועט שוין בעגראבען דעם טויטען קערפער אויף א אידישען בית הקברות, הייסט עס, וועט שוין גוט זיין. מיר קענען באין אופן נישט משיג זיין אזא בית־הקברות אידישקייט.

מיט א קורצע צייט צוריק איז אנגעקומען די נייעס פון ווארשוי וועגען א געשלעג וואס האט זיך געמאכט צווישען אידען. אויך וועגען אזא מין טויטען אידישקייט. דער רב האט דארט מחרים געווען אלע אידען וואס זיינען מחללי שבת און זיי ניט ערלויבט באגראָבען צו ווערען אויף'ן אידישען בית הקברות. האבען זיך אידען זעהר דערשראקען פון רב'ס סטראשונקעס און האבען איינגערופען אן אסיפה וואס האט זיך געענדיגט מיט א גרויס געשלעג פון וועלכען פיעלע זיינען ארויס "בשן ועין".

פאר חילול השבת וואס גאט האט פארבאטען האבען יענע ווארשאָווער אידען קיין מורא געהאט אבער פאר א בית הקברות כאפט זיי אן א קדחת. יאָ, אויף אזאָלכע אידען האָט דאס משה רבינו געזאגט: "עם נבל ולא חכם". דער גרויסער פיהרער, משה רבינו, האָט שוין דאמאלס פאראויס געזעהן אז דאס פאלק וועט ניט באזיצען געטליכע חכמה. זאנדערן נארישקייטען. דארום האט ער מיט א פארוועהטאגטע נשמה אויסגערופען: "לו חכמה ישכילו זאת יבינו לאחריתם". ד"ה. הלואי וואלטען זיי קלוג זיין און פארשטעהן די ענדע. משה רבינו האט אפשר געזעהן דורך'ן "רוח הקודש" אז אידען וועלען זיך איינרעדען אז זייא וועלען זיין כשר'ע צדיקים מיט דעם וואס זיי וועלען באגראָבען ווערען אויף א אידישען בית הקברות. דערפאר זאגט ער: הלואי וואלטען זיי אויפגעגעבען זייער פארפיהרטע נארישקייט און בעסער געהאט אביסעל געטליכע חכמה צו פארשטעהן וואס ס'וועט זיי העלפען ביי זייער ענד.

ניין ווערטהע לעזער, עס איז קיין נפקא מינה וואו דער טויטער קערפער ווערט באגראבען נייערט וויאזוי דער לעבעדיגער מענש האָט אבגעלעבט זיין קורצעם לעבען אויף דער וועלט. ווען דער מענש לעבט א געטליך לעבען אין ישוע המשיח מעג ער באגראבען ווערען וואו עס איז וועט ער אויפשטיין תחית המתים און האבען עולם הבא אזוי ווי ישוע המשיח האט אונז פארשפראכען אין יוחנן י"ד: "איך געה פאר אייך אן אָרט צו בערייטען כדי איהר זאלט זיין דארט ווי איך בין". דאס איז אן "אינשורענס פאליסי" פון דעם משיח אליין! "ווייל גאט האט אזוי די וועלט געליעבט אז ער האט געגעבען זיין איינציגען זוהן כדי אלע וואס וועלען גלויבען אין איהם זאלען ניט פארלוירען ווערען נייערט האבען חיי עולם". (יוחנן ג, 16) אָבער אויף די אנדערע מענשען וואס גלויבען ניט מעגען זיי באַגראבען ווערען אפילו אין סאמע ארץ־ישראל־ערד וועט עס זיי אויך העלפען ווי א טויטען באנקעס. יא אויף יענע האט ישוע המשיח געזאָגט: "זאלען די טויטע באגראבען זייערע טויטע". (מתתיהו ח)

דער נביא האט אונז אמאָל געזאגט: "ר' עיניך הלא לאמונה". ד"ה. גאט'ס אויגען זוכען נור אמונה, אז מענשען זאלען גלויבען. און דער נביא פרעגט טאקע אויף אן אנדערע שטעלע: "מי האמין", ווער גלויבט? ווער גלויבט אין ישוע המשיח? ווייל ווייטער אין זעלבען קאפיטעל (ישעיה נ"ג) רעדט דער נביא נור פון ישוע המשיח. דארט הייסט עס: "ער איז פארוואונדעט געווארען פאר אונזערע זינד, .... דיא שטראף אז מיר זאלען האָבען שלום איז אויף איהם און דורך זיינע וואונדען זיינען מיר געהיילט".

אָט דאס ליעבער לעזער דארף א איד זיך סטארען צו באזיצען כדי צו האבען חיי עולם און אין מלכות השמים אריין צו קומען אבער ניט וואו מ'באגראבט איהם.

## פראפעסאר וואראנאווס נייע ערפינדונג

ווי עס איז אונז גוט בעקאנט האט דער פראפעסאר וואראנאָוו פון פאַריז זיך קונה שם געווען נאך מיט עטליכע יאהר צוריק ווען ער איז געקומען נאך ניו יארק מיט דער גוטער בשורה אז ער קען פון אלטע אָבגעלעבטע מענשען מאכען אויפס נייע יונג. איצט איז ער ארויס געקומען מיט א שפוגעל נייע בשורה, באשר, מ'וועט קענען א מענשען כסדר ארייגשטעלען פרישע דריזען וועלכע וועלען ווירקען אויף'ן גאנצען קערפער און אין איהם ארייגברינגען נייע און פרישע ענערגיע. און ווען אין משך פון יאהרען וועט די ווירקונג פון איין דריזע אבגעשוואכט ווערען וועט מען קענען ארייגשטעלען א נייעם דריז, און אזוינאָך וועט מען קענען פארציהען א מענשענס לעבען פיר אימער און איהם מאַכען אונשטערבליך און וועט אייביג לעבען.

נור איין זאך שטעהט דעם פראפעסאר אין וועג נעהמליך, אז מ'וועט ניט קענען בעקומען גענוג דריזען פון ערשט פארשטארבענע יונגע לייט אום צו פארזארגען אלע אלטע מענשען מיט יוגענד און מיט ענערגיע, זאנסט איז ער זיכער אז וויפיעל אלטע מענשען ער וועט אפערירען און ארייגשטעלען די יונגע דריזען וועט עס געלינגען צו פערשטארקען די פארעלטערטע צעלען און פון אן אלטען צובראָכענעם אָבגעלעבטען מענש וועט ווידער ארויסקומען כאָטש א "בן שמונה עשרה לחופה".

פיעלע מענשען זיינען שטארק בארוישט געווארען דורך די וואונדערליכע ערפינדונגען כאָטש זיי זיינען לגמרי אונמעגליך און אונגלויבליך, דאָך זיינען פאראן מענשען וואָס גלויבען יעדען אונזין אביא עס קומט נור פון א "ס י י ע נ ט י ס ט". הער א סייענטיסט אדער אזוי גלאט א פראָפעסאר זאגט עפעס ארויס, אפילו אז אויף'ן הימעל איז א יאריד וועט מען עס גלויבען באמונה שלימה אז ס'איז אמת וצדק.

ניט אלע לאזען זיך אבער פארפיהרען פון די אזוי־גערופענע וויסענשאפטס־מענער ווייל דאָס

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דינען משיח

SUBSCRIPTION PRICE 50 CENTS A YEAR

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

FEBRUARY, 1925.
VOL. VI. No. 6.

## הרב קוק שיער דער'הרג'עט

א בעריכט איז מיט א קורצער צייט צוריק געקומען פון ירושלים אז אן אנפאל איז דארט געמאכט געווארען אויף הרב קוק וועלכער האט דא אין אמעריקא פערווײלט פאר איינינע מאנאט, און ער האט זיך דא געשאפען א סאך פריינד. אלע זיינען איצט שטארק ענטוישט געווארען צו הערען וועגען דעם אטענטאט אויף אזא גרויסען רב וגדול בישראל.

לויט ווי דער בעריכט ערצעהלט, איז הרב קוק פארביי געגאנגען די ישיבה "אהל משה" און פלוצים האט מען פון דארט ארויס געווארפען אן אייזערנע כלי, וועלכע איז געווען געציעלט אויף איהם נור האט גליקליכערווייזע ניט געטראפען, זאנסט וואלט דער רב געבליבען א טויטער אויף'ן ארט.

מיט א צייט צוריק האמיר אונזערע ווערטהע לעזער מיטגעטיילט וועגען דעם גרויזאמען מארד וואס איז באגאנגען געווארען אין ירושלים געגען דר' דע־האן וועלכער איז אויך געווען א מושלם, באריהמט און בעליעבט אין געוויסע אידישע קרייזען, און פלוצים, ווען ער איז איין אבענד ארויס געגאנגען פון בית המדרש נאך מנחה־מעריב איז מען איהם באפאלען און מ'האט איהם גע'הרג'עט.

אין דעם פאל פון דע־האן איז מעגליך צו פארעכטיגען אז א פשוט'ער גערונגענער באנדיט איז דעם מארד באגאנגען, אבער אין דעם פאל פון הרב קוק זאגט מען, אז די ישיבה־לייט, די באנק־קוועטשערס איבער דער גמרא זיינען דאס דיראזיגע וואס האבען געציעלט צו הרג'ענען דעם גרויסען גאון.

אין דיעזען פאל צייגט זיך ווידער ארויס ווי אונבעוואוסטזיניג דער איד איז: דאכציך ער זיצט און שאקעלט זיך איבער דער גמרא מיט גרויס כונה, וואס דער תנא זאגט און וואס יענער אמורא זאגט, און ער ווייס גאנץ גוט אז: "בהרמת יד נקרא רשע". און וועלכער איד ווייס דען ניט אז שוין דאמאלס אויף'ן בארג סני האט גאט ב"ה שטארק אנגעזאגט אז "לא תרצח"! און דאך.. איהר זעהט דאך.

מיר האבען שוין לאנג מזהיר געוועזן דורך דיעזען בלעטל, אז די פארבעסערונג פון דער מאטעריעלער לאגע דורך דאס באזעצען אידען אין ארץ ישראל, וועט קיין מאל ניט פארבעסערן זייער גייסטיגע לאגע, וועלכע איז אין א זעהר טרויריגען מצב צווישען אידען אין דער גאנצער וועלט.

וואס קען דען גאר העלפען דאס לערנען אדער דאס דאווענען אדער וואס עס איז, ווען דאס איז נור איין אייגנגעוואוינטע זאך נאכצוטהון דאס וואס יענער טהוט. עס איז נור א ליפען־זאך אבער קיין הארץ־זאך. עס איז אזוי ווי גאט באקלאגט זיך דורך דעם נביא אין ישעיה כ"ט: "יען כי נגש העם הזה בפיו ובשפתיו כבדוני ולבו רחק ממני ותהי יראתם אתי מצות אנשים מלמדה... ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבניו תסתתר". דאס איז פונקט אזוי ווי די אידענע וואס לערענט זיך אוים "ליכט בענשען", ווייל ביידע, אי די לערנעס און אי די בענשערס טהון נור נאך אנדערע עפעס מעשה גולם, אהן הארץ און אהן נשמה.

ווי קען מען דען גאר ערווארטען אז גאט זאל אננעמען דאס לערנען אדער דאס דאגמאטישע אידישקייט אדער דאס דאווענען וואס איז נור א מורמעל אהן דעם מינדעסטען כונת הלב? זעהען מיר דען ניט בחוש אז גאט נעמט עס ניט אן! והא ראיה, אידען דאווענען מעהר אלס אלע אנדערע נאציאנען, און דאווענען שוין אזוי פיעל הונדערטער יאהרען אז גאט זאל זיך מרחם זיין איבער ישראל און זיי ארויסנעמען פון גלות צום סוף איז עס א נעכטיגער חלום.... אידען זיינען נעביך נאך אלץ אין גלות ווייל גאט הערט זיך ניט צו צו דעם ליפען־דאווענען אזוי ווי ער זאגט דורך ישעיה הנביא קאפ. א: "גם כי תרבו תפלה איננו שמע". גאט וויל ניט די ליפען נייערט דאס הארץ! "תנה בני לבך לי" (משלי כ"ו)

אט דאס האט טאקע ישוע המשיח געזאגט צו דעם גרויסען פיהרער פון ישראל ר' נקדימון, אין יוחנן ג: אז מ'וויל געפעלען גאט און אריין קומען אין מלכות השמים, מוז מען אויפס ניי געבוירען ווערען, ניט פון פלייש נייערט פון גייסט. דער גרויסער תלמיד חכם האט דאס אבער ניט געקענט משיג זיין, היתכן, ווי קען דען א מענש נאכאמאל געבוירען ווערען? יא, דאס איז נעביך דער אומגליק מיט ישראל עד היום, מ'האט אונז אויסגעלערענט צו זיין אידען... צו לערנען א בלאט גמרא מיט תוספות.. מעביר סדרה צו זיין מיט'ן טראפ... צו פסק'ענען א שאלה ווען מ'האט געפונען א נאדל אין פיפיק אויב די הוהן איז כשר.. אויסשפייען "ימח שמם" ביי "עלינו לשבח",, אלעם ווייס ער און טוט נאך, אבער וועגען א נייער געבורט אריינצוקומען אין מלכות השמים אט־א־דא בלייבט ער שטעהן ווי פאראלאזירט און איז ניט אומשטאנד צו פארשטעהן וואס איז א "לידה חדשה". אהן דער צווייטער געבורט בלייבט דאס אידישע לעבען אזוי וואכענדיג און אזוי מגושם'דיג אז נור גאט זאל זיך מרחם זיין איבער אונז.

די הויפט פראגע איז נור, וויאזוי קען מען יענע שלעכטע גראזען פון אידישען הארץ אויסווארצלען כדי דער אידישער דת זאל זיין א שעהן און א נאבעל אידישקייט, טאקע אזוי ווי גאט וויל?

צו דעם האט נאך קיינער פון די אידישע פיהרערס קיין רפואה געפונען נייערט ישוע המשיח אליין, בכן, אז דער איד מוז געבוירען ווערען פון דער גייסטיגער קוועלע, דאמאלס וועט דער איד באקומען א "לב טהור" און א "רוח נכון". (תהלים נ"א) און ס'וועט זיך במילא ניט פארגליסטען אויף יענעם אויפהויבען א האנד, בפרט נאך יענעם צו דער'הרג'ענען צוליעב בית המדרש פאליטיק.

פאר אזאלכע אויפס־ניי־געבוירענע־אידען האט דאס גאט ב"ה פארשפראכען דאס היילינע לאנד! וועט מען אבער דארט אריין געהן דורך אן אנדערע טהיר, ניט דורך אמונה אין ישוע המשיח, זאגט אונז דער נביא זכריה און אנדערע נביאים אז אידען וועלען דארט ניט מצליח זיין.

פריינד און ווערטהע לעזער. אונזערע אור־עלטערען האבען מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק א גוואלטיגען טעות געמאכט וועגען ישוע המשיח. מ'האט איהם פעראכטעט און איבערגעגעבען צו גוים אין די הענד וועלכע האבען איהם אכזריות'דיג געקרייציגט או געשריגען: "דמו עלינו ועל בנינו"! יענער טעות איז אזוי איבערגעגאנגען בירושה עד היום הזה. און אט דיעזער שרעקליכער טעות איז דאס דער אבהאלט פון אידענס גליק און צופריעדענהייט. עס איז פעסטגעשטעלט פון גאט, אז נור אין ישוע המשיח קענען אידען האבען א תקומה און א תשועת עולמים. מיר, די גלויביגע אין ישוע המשיח האבען דאס ערפאהרען און דערפאר זאגען מיר בקול רם, אז נור דער כח פון ישוע המשיח קען שאפען א ניי הארץ, א נייעם גייסט, און נייע געדאנקען און אזוינאך זיין אן אמת'ער איד.

ווערטהער לעזער. פערטראכט אייך אין דעם וויכטיגען ענין ווייל דאס מיינט אייער עווינקייט.

Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879.